בס"ד

שמות תשפ"ו

גליון 267

# דעם רבי'נס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך גיטאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואַל

# אויגנפּארבלענדעניש

מיטן אויבערשטנס הילף האָבן מיר אָנגעהויבן אַ נייע חֻמָּש! אין די פּרשיות ווערן אָנגעצייכנט גאר וויכטיגע יסודות פאר יעדעס אידיש קינד. יציאת מצרים, קריעת ים סוף, מָן, און די מלחמה פון עמלק, מתן תורה, דער משכן מיט די כלים און נאך און נאך.

אין די פּרשה דערציילט אונז די היילגע תורה פון שיעבוד מצרים, אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט וַיַּעֲבִדוּ מִצְרַיִם אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּפָרֶךְ. מיר דארפן וויסן אַז די היילגע תורה איז נצחי, עס גייט אַלעמאל אָן, היינט איז אויך דא מצרים און אַ פּרעה הרשע וועלכער וויל ביטער מאכן דאס לעבן פון יעדן איד.

אין תורה מ"ו חלק שני זאָגט דער היילגער רבי, אַז אַ איד ווען ער וויל זיך שטעלן דאווענען, קומט אים אַפיר שטערונגען צו קומען אין שול דאווענען, און אַז מען האט זיך שוין אָנגעשטרענגט צו קומען אין שול דאווענען, ווערט דאס הארץ פארדרייט און מען קען נישט עפענען דאס מויל, דאס איז די גרעסטע מניעה פון אַלע מניעות, ווען די הארץ איז אַרומגענומען אַזוי ווי אַ געבינדענער וועלכער קען זיך נישט רירן. אַזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים 'לִבִּי סְחַרְחַר', און דער תרגום טייטש 'סְחוֹר סְחוֹר' - דאס מיינט אַז די הארץ איז אַרומגענומען מיט קשיות און כפירות.

דאס איז דער טייטש פון דער פּסוק פון די פּרשה 'וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם בַּעֲבֹדָה קָשָׁה' זאָגט אויף דעם דער היילגער זֹהַר 'בַּעֲבוֹדָה קָשָׁה' מיינט 'כפירות', אַז די מצריים וואַרפן אַריין די אידישע קינדער אין כפירות



מען זאָל חס ושלום נישט גלייבן אַז דער אויבערשטער דארף אונז האָבן. די עצה פאר אונז איז צו טון וואס אונזערע זיידעס האָבן געטון אין מצרים, 'וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים מִן הָעֲבֹדָה' 'וַנִּצְעַק אֶל ה' אֱלֹקֵי אֲבֹתֵינוּ וַיִּשְׁמַע ה' אֶת קֹלֵנוּ וַיַּרְא אֶת עָנְיֵנוּ וְאֶת עֲמָלֵנוּ וְאֶת לַחֲצֵנוּ'. אַז אַ איד שרייט פון טיפן הארץ און געבט אַ קרעכץ הערט אים דער אויבערשטער אויס, און נאר מיט זיין שרייען אַליינס פאלן אַוועק אַלע קשיות און מניעות.

דערפאר זאָגט דער רבי אַז די ראשי תבות פון די ווערטער 'שמע י' קולי' אקרא איז קשיא, ווייל אַז מען שרייט צום באשעפער, פאלן אַוועק אַלע קשיות!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (תורה מ"ו חלק שני) אַ מָשָׁל פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ מֶלֶךְ, וֶועלְכֶער הָאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אַן אוֹצָר אִין אַ גֶעוִויסְן אָרְט, אוּן מִיט אַן אוֹיגְן פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ הָאט עֶר בַּאהַאלְטְן דֶעם אוֹצָר מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁטַארְקֶע אוּן פֶעסְטֶע מוֹיעֶרְן אַרוּם דֶעם אוֹצָר. וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעוָואלְט צוּגֵיין צוּם אוֹצָר הָאבְּן גֶעזֶען דִי וֶוענְט הָאט זִיךְ פַאר זֵיי גֶעדַאכְט אַז דָאס זֶענֶען אֱמֶת'ע וֶוענְט אוּן עֶס אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ צוּ צֶעבְּרֶעכְן, זֶענֶען זֵיי אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען, דִי אַנְדֶערֶע חֵלֶק מֶענְטְשְׁן הָאבְּן יָא מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ צֶעבְּרֶעכְן אֵיין מוֹיעֶר, אָבֶּער זֶעעֶנְדִיג דֶעם צְוֵויטְן מוֹיעֶר הָאבְּן זֵיי גֶעהוֹיבְּן הֶענְט, גֶעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ יָא גֶעשְׁטַארְקְט אוּן גֶעבְּרָאכְן נָאךְ אַ מוֹיעֶר-צְוֵויי, בִּיז דֶער קִינְד פוּן קֶענִיג אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ ווֵייס אַז דָאס אִיז נִישְׁט מֶער ווִי אַן אוֹיגְנְפַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ (אֲחִיזַת עֵינַיִם) ס'אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם מוֹיעֶר". אוּן עֶר אִיז מִיט זִיכֶערְקַייט אַרִיבֶּער אַלֶע חוֹמוֹת.

וֶוער עֶס הָאט אַבִּיסְל שֵׂכֶל פַארְשְׁטֵייט אַלֵיין דֶעם נִמְשָׁל. דֶער אוֹצָר אִיז דָאךְ 'דֶער אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם', וָואס אִיז לֵיידֶער אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט מוֹיעֶרְן, דָאס אִיז דִי אַלֶע שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן רֵייצְנְדִיגֶע תַּאֲווֹת וֶועלְכֶע שְׁלֶעפְּן אוּנְז אַוֶועק נִישְׁט צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. דֶער עִיקָר אִיז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע מְנִיעוֹת אַרָאפְּפַאלְן אוּן וֶוערְן בָּטֵל ווִי אַ זֵייפְן בְּלָאז.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל שׁוֹין מְקוּיָם וֶוערְן דֶער פָּסוּק וָואס מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג בַּיי מַעֲרִיב כִּי פָדָה ה' אֶת יַעֲקֹב וּגְאָלוֹ מִיַּד חָזָק מִמֶּנּוּ, אוּן מִיר וֶועלְן אַלֶע מַאכְן דִי בְּרָכָה בָּרוּךְ אַתָּה ה' גָּאַל יִשְׂרָאֵל אָמֵן וְאָמֵן.

המשך פון זייט 12

# דו שְׁפִּילְסְט נִישְׁט מִיט!

"הַאלְט נִישְׁט בַּיים שְׁפִּילְן מִיט עֶנְק אָן פִּישְׁל!" הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן. 'וָואס הָאט עֶר מִיט פִּישְׁל?' הָאבְּן זִיךְ אַלֶע גֶעוואוּנְדֶערְט. אָבֶּער מֶען הָאט אִים גֶעשֶׁעצְט, אוּן.. פִּישְׁל אִיז - פַארְשֶׁעמְטֶערְהֵייט - אַרַיין אִין שְׁפִּיל! יִשְׂרָאֵל'יק הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע זִיג: "פִּישְׁל גֶעווִינְט!!"...

נָאךְ צְוֵויי חֳדָשִׁים, אִיז פִּישְׁל שׁוֹין גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי מֶערְסְטֶע בַּאלִיבְּטֶע קִינְדֶער אִין שׁוּל. אַלֶע הָאבְּן אִים לִיבּ גֶעהַאט אוּן גֶעשֶׁעצְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶר אִיז נִישְׁט דַוְוקָא אַ שֶׁעמֶעוודִיגֶער אוּן שְׁטִילֶער, נָאר פַארְקֶערְט - עֶר אִיז קְלוּג אוּן פוּנְקְטְלִיךְ. אַזוֹי הָאט עֶר מֶער אוּן מֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אוּן אַלֶע הָאבְּן גֶעזוּכְט צוּ זַיין נָאנְט מִיט אִים.

יִשְׂרָאֵל'יק.

זֶעעֶנְדִיג אַזוֹי אָנְגֶענוּמֶען בַּיי דִי קִינְדֶער, הָאט עֶר 'אָנְגֶעפַאנְגֶען אַ נַייעֶם שְׁפִּיל' אִין וָואס עֶר הָאט בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט גֶעלָאזְט יִשְׂרָאֵל'יק זִיךְ בַּאטֵיילִיגְן! פַארְקֶערְט, עֶר הָאט אִים בַּארֶעדְט, גֶע'דַאֲגֶה'ט אַז עֶר זָאל בִּכְלָל נִישְׁט קֶענֶען שְׁפִּילְן מִיט אַלֶעמֶען. מִיט גְרוֹיס פַארְדָארְבְּנְקֵייט, אִיז זַיין גַּאֲוָה אוּן כְּפִיּוּת טוֹבָה גֶעוואוּקְסְן קֶעגְן יִשְׂרָאֵל'יק - וָואס הָאט מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, גֶעזָארְגְט פַאר אִים אִין דִי פַארְגַאנְגֶענְהֵייט צוּ הֵייבְּן זַיין חֲשִׁיבוּת בַּיי דִי חֲבֵרִים. פִּישְׁל הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַזוֹי ווִי דֶער אָרִימַאן וָואס הָאט נִישְׁט מַכִּיר טוֹב גֶעוֶוען דֶעם בֶּערְגֶער דֶער צַדִּיק, אוּן עֶר הָאט אַנְשְׁטָאט אִים צוּ בַּאצָאלְן, דֶערְבִּיטֶערְט זַיין לֶעבְּן.




*אין קורצן פון פריער:*

*רבי נתן קומט צוריק פון ברסלב נאכן ווילן דארט דער ערשטן ראש השנה און ער הויבט אן זיינע עבודות פונדאסניי מיט א פרישקייט און א ברען ווי דער רבי האט אים געלערנט. אזוי אויך מאכט ער זיינע טעגליכע התבודדות אין וואלד.*

## דעם ערשטן סוכות מיט אנשי שלומינו

דער הייליגער יום טוב סוכות האט זיך דערנענטערט און אזויווי עס זענען געווען אין נעמירוב מער ווי צען ברסלב'ער חסידים, האבן זיי באשלאסן צו צאמשטעלן אן אייגענער מנין. זיי האבן נאכנישט געהאט קיין קלויז אדער סיי וועלכע ווינקל וואו צו דאווענען. אויף דעם האט רבי נתן געפונען א לייזונג. ער האט געבעטן זיין טאטע רשות אויב ער קען נוצן זיין סוכה וואס איז געווען גרויס און רחבות'דיג און ער האט געגעבן זיין הסכמה.

אזוי אויך האבן זיי גענוצט זיין ספר תורה.

די ברסלב'ער האבן אראפגעלייגט א דאווענען לעילא ולעילא ווי זייער שטייגער. זיי האבן געדאווענט הויך אויפ'ן קול מיט א שטארקע קאך און ברען באגלייט מיט א געוואלדיגע שמחה. זיי האבן געזונגען די ניגונים וואס זיי האבן געהערט פון רבי'ן ביי זייער באזוך, דערביי האבן זיי געפאטשט מיט די הענט מיט א געוואלדיגע התלהבות. אה, וואס פארא גליק זיי האבן דאן געשפירט אויף די זכי' צו קענען ריכטיג מקיים זיין די מצוה פון ושמחת בחגך.

*דער מנין האט אנגעהאלטן א תקופה און מיט די צייט איז עס אויפגעלעזט געווארן. דער רבי האט זיך ביי א געלעגנהייט אויסגעדרוקט:*

*"ווער ווייסט וואס עס וואלט פאסירט אויב*

*אייער מנין וואלט אנגעהאלטן? אייער מנין שפאלטן הימלען!"*

רבי נתן איז אריין אין אן אנדערע וועלט און געבענקט דארט צו בלייבן אלע זיינע לעבנ'ס טעג. זיין טאטע האט אבער געהאט אנדערע פלענער פאר אים. חול המועד האט ער זיך צאמגעזעצט מיט זיינע שותפים אויסצואַרבעטן ווייטערדיגע פלענער פאר די געשעפטן. עס איז באשלאסן געווארן אז תיכף נאך סוכות וועט רבי נתן זיך ארויסלאזן קיין בארדיטשוב איינאיינעם מיט די אנדערע סוחרים, איינצוקויפן פרישע סחורה, איידער די אוקריינישע ווינטער רוקט זיך אן און די שניי, אייז און זומפן וועלן שווער מאכן דאס ארומרייזן. זיי האבן אויסגעארבעט אלע פונקטליכע פרטים פון דעם נסיעה און אפילו באשטעלט דעם וואגן וואס זאל זיי פירן קיין בארדיטשוב.

דורכאויס דעם יום טוב האט רבי נתן זייער שטארק משתוקק געווען צו ערפילן די מצוה פון באזוכן דעם רבי'ן אום יום טוב. זיין הארץ האט אים געברענגט צו ווילן וואס מער ביים רבי'ן, אבער ער האט זיך געמוזט איינהאלטן מיט אייזערנע קייטן נישט צו פארן קיין ברסלב כדי נישט אויפצופלאקערן מער התנגדות קעגן אים. אזוי איז ער געבליבן אין נעמירוב דעם גאנצן יום טוב.

אבער ס'האט אים נישט קיין סאך געהאלפן קעגן זיי אנהעצערס. רבי נתן האט געהאט אויסצושטיין רדיפות נישט נאר פון זיין משפחה נאר אויך פון אנדערע שטאטלייט – פיל פון זיי אפילו לומדים און שיינע אידן. עס האט זיך אריינגעכאפט אין זיי א קנאה געפיל צוזענדיג ווי רבי נתן דאווענט און לערנט מיט א געוואלדיגע חיות און שמחה און זיי האבן מחליט געווען אז מען מוז עס אפשטעלן פאר יעדן פרייז. וואו איז עס געהערט געווארן אזא 'פירצה'?! א איד זאל אזוי עוסק זיין אין עבודת השם? מען מוז דאס ברענגען צו א סוף...

אויב רבי נתנ'ס טאטע איז נאכנישט געווען גענוג אנגעווייטאגט פון די גאנצע פרשה, האבן זיי נאך צוגעלייגט אויל צום פייער און געהעצט אז מען מוז זאפארט אפהאלטן דעם חשוב'ן זון פון די אלע מעשיות ווייל אז נישט וועט ער ווערן פון די ווידיו'ניקעס און דאס וועט זיכער נישט זיין קיין כבוד פאר אים, דער מכובד'יגער עושר און למדן. און אוודאי נישט פאר רבי נתנ'ס שווער, דער באוואוסטער גדול און אנגעזעענער רב.

שמחת תורה האט רבי נתן ווייטער אפגעראכטן די תפילות מיט דער מנין פון אנ"ש אין זיין פאטער'ס הויז. ווען זיי האבן גערעדט פון רבי'ן און געזינגען זיינע זמירות, זענען זיי ממש געקראכן אויף די גראדע וועלט פון גרויס התרגשות און בענקשאפט צום אייביגן קוואל.

זיי האבן אלע זייער באדויערט דעם פאקט אז זיי האבן ניטאמאל איינמאל אין דעם יום טוב זוכה געווען צו זען דעם רבי'ן. זיי האבן ביי זיך אפגעמאכט, זאל זיין וואס זאל זיין, מוצאי יום טוב, תיכף נאך הבדלה לאזט מען זיך ארויס קיין ברסלב צום רבי'ן.

דער רבי פלעגט זיך פירן מיט דעם חסיד'ישן מנהג צו אריינציען נעילת החג פון שמחת תורה ביז פארטאגס פון אסרו חג. זיי האבן זיך געמאכט א חשבון אז עס נעמט בלויז צוויי שעה צו פארן פון נעמירוב קיין ברסלב, וועלן זיי נאך קענען אריינכאפן א גרויסע חלק פון רבינ'ס עבודה פון נעילת החג. זיי האבן אויסגערעכנט אז מען וועט אביסל פארברענגען דארט און דערנאך אהיימקומען אן דעם וואס איינער זאל איבערקלערן וואו זיי זענען אהינגעקומען. די שטאטלייט וועלן מיינען אז זיי זענען ארויסגעגאנגען פארברענגען נעילת החג מיט די חברים.

רבי נתן האט געגעסן די סעודות ביי זיין טאטע'ן. אבער ער האט נישט געהאט קיין צייט צו פארברענגען דארט מיט אלע געסט. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אריינשלייכטן אין זיין צימער צו ענדיגן זיינע שיעורים פון אכצן פרקים משניות וואס דער רבי האט אים צוגעטיילט.

"וואס טוט ער דארט אין זיין צימער?!" האט דער טאטע געפרעגט מיט פארדרוס. ס'פאסט נישט איבערצולאזן די געסט אינמיטן א סעודה.

"אייער זון לערנט דארט אכצן פרקים משניות," האט איינער געוואוסט צו אנדייטן. און ער האט אויך געוואוסט צו דערציילן איבער די געפלאנטע נסיעה קיין ברסלב תיכף נאכן זמן. ווער האט אים געבעטן טובות?...

הערנדיג דאס איז דער טאטע געווארן זייער אויפגעבראכט. היתכן, דער רבי גיבט פאר זיין זון, דער אויסגערופענער גאון, צו לערנען משניות?! און וואס איז די געפארעכץ אזוי מוצאי יום טוב?

אויך די אנדערע חברים האבן געהאט אויסצושטיין רדיפות אבער עס איז זיי גארנישט אנגעגאנגען. גלייך נאך הבדלה האבן זיי געדינגען א קוטשער און זיי האבן זיך ארויסגעלאזט אין וועג.

א וועג וואס האט געזאלט נעמען בלויז צוויי שעה.

זיי האבן אבער נישט פאראויסגעזען די שלאקן רעגן וואס האט זיך אראפגעלאזט אינמיטן וועג. זיי זענען אדורכגענעצט געווארן ביז צו די ביינער. בלית ברירה האבן זיי זיך געמוזט אפצושטעלן אין א זייטיגע קרעטשמע.

לייענט ווייטער אי"ה אין קומענדיגן נומער

# אַלֵיין אָן פַּחַד

הײנְט וֶועלְן מִיר פַאַרְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס ר׳ לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט גֶעהֶערְט פוּן דֶער דַּיָּן ר׳ נָחוּם הַכֹּהֵן פוּן שְׁטָאט חַארְקָאוו, אַ מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט פַּארְצֵיילְט וֶועגְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט גֶעזָאגְט אַז ס׳אִיז דָא אַ מַחְלוֹקֶה בַּיי וִויפִיל יָאר אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט שׁוֹין גֶעווּאוּסְט אַז ס׳אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, ס׳אִיז דָא אַ מַחְלוֹקֶה אִיבֶּער דֶעם, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז יֶעדֶער אֵיינֶער מוֹדֶה אַז עֶר הָאט שׁוֹין בַּיי דְרַיי יָאר גֶעווּאוּסְט אוּן דֶערְקֶענְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט פַּארְצֵיילְט אַזוֹי, ווִי בַּאווּאוּסְט אַז דֶער טַאטֶע פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעהֵייסְן ר׳ אֱלִיעֶזֶר, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עֶלְטֶערֶער אִיד אִין אַ טִיפֶע טִיפֶע עֶלְטֶער, עֶר אִיז גֶעוֶוען שׁוֹין נִישְׁט גֶעזוּנְט אוּן גֶעלֶעגְן קְרַאנְק אוֹיף זַיין בֶּעט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, יִשְׂרָאֵל׳יק, אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגֶעלֶע פוּן צְווֵיי יָאר, אוּן ר׳ אֱלִיעֶזֶר זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶענוּמֶען, אַרַיינְגֶענוּמֶען אוּן גֶעהַאלְטְן אוּן גֶעזָאגְט, ״יִשְׂרָאֵל׳יק מַיין קִינְד, דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פַאר קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר.״ אוּן אַזוֹי הָאט עֶר



אוֹיסְגֶעהוֹיכְט דִי נְשָׁמָה, אוּן יִשְׂרָאֵל׳יקְל שְׁטֵייט נֶעבְּן זַיין טַאטֶע אוּן זֶעט ווִי זַיין טַאטֶע אִיז מֶער נִישְׁטָא אוֹיף דֶער וֶועלְט.

פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט בַּאקוּמֶען אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה פוּן זַיין טַאטְן, ס׳אִיז אִים גוּט אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעזָאגְט, אַז וָואס עֶר דַארְף ווִיסְן אִיז אֵיין זַאךְ, ׳זָאלְסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגֶעלֶע פוּן צְווֵיי אָדֶער דְרַיי יָאר, אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פוּן דֶערְהֵיים, עֶר אִיז גֶעלָאפְן אִין דִי פֶעלְדֶער אוּן דִי וֶועלְדֶער, אוּן דָארְט אִיז עֶר גֶעלָאפְן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן וָואס עֶר דַארְף. אַ אִינְגֶעלֶע פוּן צְווֵיי דְרַיי יָאר, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט.

וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטוּבּ הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶר פֶעלְט, אַ קְלֵיין אִינְגֶעלֶע פֶעלְט, עֶר אִיז נִישְׁט אִינֶדֶערְהֵיים, הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, ווַייל זֵיי הָאבְּן גֶעווּאוּסְט אַז פַאר יִשְׂרָאֵל׳יקְל

# אַלֵיין אָן פַּחַד

דאַרְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, וַוייל זַיין טַאטֶע הָאט אִים שׁוֹין גוּט אַיינְגֶעבְּרָאקְן אִין הַארְץ אַז עֶר דַארְף פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן. טָאמֶער יִשְׂרָאֵל׳יקְל אִיז נִישְׁט דָא, הָאבְּן זֵיי גֶעווּאוּסְט אַז יִשְׂרָאֵל׳יקְל הָאט פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא, נָאר פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן. ס׳קֶען גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעְן. וָואס אִיז גֶעשֶׁעְן מִיט אִים? אַ הוּנְט, אַ כֶּלֶב, אֵיינֶער וֶועט אִים צוּנֶעמֶען, אֵיינֶער וֶועט אִים שְׁלָאגְן? עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם. עֶר הָאט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זִיךְ. אוּן וֶועלְכֶע זַאךְ ס׳זָאל נָאר נִישְׁט גֶעשֶׁעְן מִיט אִים, לוֹיפְט עֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִמֵּילָא, פְלֶעגְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקְן. זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעְן אַז דֶער קְלֵיינֶער יִשְׂרָאֵלִיקְ׳ל אִיז נִישְׁטָא, הָאבְּן זֵיי גֶעווּאוּסְט אַז זֵיי דַארְפְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן. הַיינְט אַז אַ אִינְגְל וֶוערְט פַארְלוֹירְן, רוּפְט מֶען גְלַייךְ שׁוֹמְרִים אוּן מְ׳צִיטֶערְט, מֶען זוּכְט אִים אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט. זֵיי דַארְפְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, וַוייל יִשְׂרָאֵלִיקְ׳ל וֵוייסְט אַז עֶר דַארְף פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן נָאר פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בַּיינַאכְט אִין אַ וַואלְד, אַזוֹיוִוי עֶר פְלֶעגְט יֶעדֶע נַאכְט גֵיין אִין וַואלְד, אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דָארְטְן אֵיינֶער פוּן דִי שֵׁדִים, (סְ׳אִיז דָא וָואס זָאגְן עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ), אוּן עֶר זָאגְט אִים, ״יִשְׂרָאֵל׳יק, זָאג דִי וֶוערְטֶער: ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְלָאזְט דִי אִידְן׳, חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִיצְלָן״. סְ׳קוּמְט אַ מֶענְטְשׁ, סְ׳קוּמְט אֵיינֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע שֵׁדִים דָארְטְן, פַארְשְׁטֶעלְט וִוי אַ מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר זָאגְט פַאר אַ קְלֵיין אִינְגְל פוּן צְוֵויי-דְרַיי יָאר, ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְלָאזְט דִי אִידְן,״ חַס וְשָׁלוֹם. אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, ״אִיךְ זָאג, ׳יִתְפָּרְדוּ כָּל פּוֹעֲלֵי אָוֶן׳.״ אַנְשְׁטָאט צוּ זָאגְן ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְלָאזְט דִי אִידְן,״ בֶּעסֶער וֶועל אִיךְ זָאגְן ״יִתְפָּרְדוּ כָּל פּוֹעֲלֵי אָוֶן״ - דִי אַלֶע אוּמְרֶעכְטְן, דִי אַלֶע שֵׁדִים זָאלְן וֶוערְן אוֹיס. אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעשֶׁעְן, פְלוּצְלוּנְג אִיז גֶעוָוארְן אוֹיס פוּן דִי אַלֶע חֶבְרָה, אוּן סְ׳אִיז גֶעוָוארְן אַיִן וְאֶפֶס, מְ׳הָאט גֶעזֶעְן אַז ס׳אִיז גֶעוֶוען אַ דִמְיוֹן, סְ׳אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין מֶענְטְשׁ, סְ׳אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין אֶמֶתְ׳ע זַאךְ, סְ׳אִיז גֶעוֶוען פָּשׁוּט אַ שֵׁד, דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זִיךְ פָּשׁוּט פַארְשְׁטֶעלְט.

הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא, זֶעט מֶען פוּן דֶעם... אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט שׁוֹין גֶעקֶענְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן דִי דְרַיי יָאר. סְ׳אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע לִמּוּד פַאר אוּנְז, אַז מְ׳זָאל אֵיינְחַזְרְ׳ן דִי וֶוערְטֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, בַּיי אוּנְז, נֶעבְּן אוּנְז, מְ׳הָאט נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם מוֹרָא, מְ׳הָאט נִישְׁט פוּן וֶועם מוֹרָא צוּ הָאבְּן, נָאר פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין.

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת




אוּן דֶער 'בֶּערְגֶער', אִיז אִים גֶעפַאלְן אִין זִין [אַיינְגֶעפַאלְן אִין גֶעדַאנְק] אַרַיין: "אַז עֶר זָאל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין, מִיט דֶעם 'אָרִימַאן' – מַחֲמַת אִיר גְרוֹיס 'שֵׁיינְקֵייט', וָואס סְ'גֶעוֶוען אַזוֹי אַ [אַזַא] 'חִידוּשׁ'"! – אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט: "אֶפְשַׁר וֶועט דֶערוֹיף בַּאדַייטְן דֶער 'חָלוֹם' (וָואס סְ'הָאט זִיךְ אִים גֶעחָלוֹמְ'ט): אַז מְ'טְרָאגְט אִיבֶּער [אַרִיבֶּער] זַיינְס צוּם 'אָרִימַאן', אוּן פוּן דֶעם 'אָרִימַאן' טְרָאגְט מֶען אִיבֶּער צוּ אִים (כַּנַ"ל )– אֶפְשַׁר בַּאדֵייט עֶס דֶערוֹיף: אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין – [בְּמֵילָא] וֶועלְן זֵיי אִינְאֵיינֶעם אוֹיסְגֶעמִישְׁט וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם 'שִׁידוּךְ'"!

אַמָאל אִיז דֶעם 'אָרִימַאנְ'ס וַוייבּ', אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם 'בֶּערְגֶער – הָאט עֶר עֶס אִיר גֶעזָאגְט: "אַז עֶר הָאט חֵשֶׁק מִיט אִיר זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין – אוּן אֶפְשַׁר וֶועט דֶערְמִיט מְקוּיָּים וֶוערְן דֶער 'חָלוֹם', כַּנַ"ל.

הָאט זִי אִים גֶעעֶנְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיךְ אִינְזִין גֶעהַאט – נָאר אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין 'הֶעָזָה' [חוּצְפָּה], אִיךְ זָאל מִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אַייךְ – נָאר אַז אִיר ווִילְט, בִּין אִיךְ אַוַודְאַי גְרֵייט – אוּן אִיךְ וֶועל [דָאס] בְּוַודְאַי פוּן אַייךְ נִישְׁט פַארְמַיידְן – וָוארְן אִיךְ הָאבּ זִיךְ [דָאךְ] גֶעשְׁווָאוֹירְן: אַז גָאר מַיין 'גוּטְס' אוּן מַיין 'הַצְלָחָה', זָאל פוּן אַייךְ נִישְׁט זַיין פַארְמִיטְן"!

אוּן דֶער 'זוּהְן' (פוּן דֶעם 'בֶּערְגֶער), אוּן דִי 'טָאכְטֶער' [פוּן דֶעם 'אָרִימַאן'] – הָאבְּן בֵּיידֶע גֶעלֶערְנְט אִין אֵיין 'חֵדֶר', 'לְשׁוֹנוֹת' [שְׁפְּרַאכְן] אוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן – אַזוֹי־ווִי דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי זֵיי.

אוּן דִי 'טָאכְטֶער', פְלֶעגְט מֶען קוּמֶען זִי זֶעהְן, מַחֲמַת [צוּלִיבּ אִיר] גְרוֹיס 'חִידוּשׁ' – אוּן מְ'הָאט אַלְץ גֶעשֶׁענְקְט 'מַתָּנוֹת' – בִּיז דֶער 'אָרִימַאן' אִיז 'רַייךְ' גֶעוָוארְן.

אוּן סְ'פְלֶעגְן קוּמֶען 'שְׂרָרוֹת' [שָׂרִים] זִי זֶעהְן – אוּן זִי אִיז זֵיי זֵייעֶר גֶעפֶעלְן – אוּן אִיר 'שֵׁיינְקֵייט', אִיז בַּיי זֵיי אַ 'ווִילְד חִידוּשׁ' גֶעוֶוען – וָוארְן סֶע [סְ'אִיז] גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין 'מֶענְטְשְׁלִיךְ שֵׁיינְקֵייט'.

אוּן מַחֲמַת [צוּלִיבּ] אִיר 'ווִילְד־גְרוֹיס שֵׁיינְקֵייט' – אִיז 'שְׂרָרוֹת' [שָׂרִים] גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם זִין [גֶעדַאנְק]:

״אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין, מִיט דֶעם ׳אָרִימַאן׳״! – אוּן אַ ׳שְׂרָרָה׳ [שַׂר] וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַ ׳זוּהְן׳, הָאט עֶר חֵשֶׁק גֶעהַאט, זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִיר!

לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] סְ׳אִיז [פַּאר] דִי ׳שְׂרָרוֹת׳, נִישְׁט אָנְגֶעשְׁטַאנֶען [סְ׳הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעפַּאסְט] מִיט אִים זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין (דְהַיְינוּ: מִיט דֶעם ׳אָרִימַאן׳) – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי גֶעמוּזְט זֶעהְן, זִיךְ מִשְׁתַּדֵּל זַיין, דֶעם ׳מֶענְטְשׁ׳ גְרוֹיס מַאכְן (דְהַיְינוּ: דֶעם ׳אָרִימַאן׳)!

אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן [זִיךְ מִשְׁתַּדֵּל גֶעוֶועןֿ]: אַז עֶר זָאל דִינֶען בַּיים ׳קֵיסָר׳!

אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן פְּרִיעֶר, אַ ׳פְּרַאפִּירְטְשִׁיק׳ [קְלֵיינֶע גֶענֶערַאל] – אוּן דֶערְנָאךְ הֶעכֶער־הֶעכֶער אַלֶעמָאל – וָוארְן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן, אִים גִיךְ [שְׁנֶעל] צוּ הֵייבְּן אַלֶעמָאל – בִּיז עֶר אִיז גִיךְ גֶעוָוארְן אַלֶעמָאל הֶעכֶער־הֶעכֶער – בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ ׳יֶעדְנִירַאל׳ [גֶענֶערַאל]!

אוּן דִי ׳שְׂרָרוֹת׳ הָאבְּן שׁוֹין גֶעוָואלְט זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִים – נָאר סְ׳זֶענֶען גֶעוֶוען אַסַאךְ ׳שְׂרָרוֹת׳ וָואס זֵיי הָאבְּן דָאס גֶעוָואלְט – וָוארְן אַסַאךְ ׳שְׂרָרוֹת׳ זֶענֶען דֶערוֹיף גֶעפַאלְן [אוֹיפְגֶעקוּמֶען], אוּן הָאבְּן זִיךְ דֶערִינֶען גֶעפָּארֶעט, צוּ הֵייבְּן אִים אַלֶעמָאל – (אִיבֶּערְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מִיט קֵיינֶעם מְשַׁדֵּךְ זַיין)!

אוּן דֶערְצוּ הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מִיט קֵיינֶעם מְשַׁדֵּךְ זַיין – מַחֲמַת דֶעם ׳בֶּערְגֶער׳ – וָוארְן מְ׳הָאט שׁוֹין גֶעשְׁמוּעֶסְט, אַז מְ׳זָאל זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִים!

אוּן דֶער ׳אָרִימַאן׳, וָואס עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ ׳יֶעדְנִירַאל׳ – הָאט עֶר וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער [מֶער אוּן מֶער] זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען – אוּן דֶער ׳קֵיסָר׳ פְלֶעגְט אִים שִׁיקְן אִין ׳מִלְחָמוֹת אַרַיין – הָאט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַלֶעמָאל – הָאט אִים דֶער ׳קֵיסָר׳ נָאךְ הֶעכֶער אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אַלֶעמָאל, הֶעכֶער־הֶעכֶער – אוּן עֶר הָאט אַלְץ זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

בִּיז דֶער ׳קֵיסָר׳ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן! הָאט זִיךְ דִי ׳גַאנְצֶע מְדִינָה׳ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: ״אַז זֵיי זָאלְן אִים מַאכְן פַּאר ׳קֵיסָר״! – אוּן סְ׳זֶענֶען צוּם אוֹיפְגֶעקוּמֶען [צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען] אַלֶע ׳שְׂרָרוֹת׳, אוּן זֵיי הָאבְּן אַלֶע מַסְכִּים גֶעוֶוען: ״אַז עֶר זָאל זַיין קֵיסָר״!

אִיז עֶר גֶעוָוארְן ׳קֵיסָר׳ (הַיְינוּ: דֶער ׳אָרִימַאן׳ הַנַ״ל אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן ׳קֵיסָר׳)!

אוּן עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן ׳מִלְחָמוֹת׳ – אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען – אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען ׳מְדִינוֹת׳!

אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער ׳מִלְחָמוֹת׳ גֶעהַאלְטְן – אוּן הָאט אַלְץ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען – אוּן הָאט אַלֶעמָאל וַוייטֶער אָפְּגֶענוּמֶען ׳מְדִינוֹת׳!

בִּיז דִי אִיבְּרִיגֶע ׳מְדִינוֹת׳, הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין אוּנְטֶערְגֶעגֶעבְּן אוּנְטֶער אִים, מִיט גוּטְן וִוילְן – וָוארְן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן, [אַז] דִי ׳הַצְלָחָה׳ זַיינֶע אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס – וָוארְן

גאָר דאָס 'שֵׁיינְקֵייט' פוּן 'דֶער וֶועלְט', אוּן גאָר דאָס 'מַזָל' פוּן 'דֶער וֶועלְט', אִיז בַּיי אִים!

הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶעזַאמְלְט אִינְאֵיינֶעם אַלֶע 'מְלָכִים' – אוּן הָאבְּן מַסְכִּים גֶעוֶוען: "אַז עֶר זָאל זַיין אַ 'קֵיסָר', אִיבֶּער 'גָאר־דֶער־וֶועלְט'"! – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעגֶעבְּן אַ 'כְּתַב' מִיט 'גִילְדֶענֶע אוֹתִיּוֹת'!

אוּן דֶער 'קֵיסָר' (דְהַיְינוּ: דֶער 'אָרִימַאן' וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן 'קֵיסָר' אִיבֶּער 'גָאר־דֶער־וֶועלְט') – הָאט שׁוֹין הַיינְט נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט דֶעם 'בֶּערְגֶער' – וָוארְן סְ'שְׁטֵייט נִישְׁט אָן [סְ'פַּאסְט נִישְׁט, אַז] אַ 'קֵיסָר' זָאל זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אַ 'בֶּערְגֶער'!

אוּן זַיין 'וַוייבּ' דִי 'קֵיסָר'טֶע' – זִי הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעטְרֶעטְן פוּן דֶעם 'בֶּערְגֶער' (דְהַיְינוּ: זִי הָאט מִיט דֶעם 'בֶּערְגֶער' גֶעהַאלְטְן – וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ 'מוֹסֵר־נֶפֶשׁ' גֶעוֶוען פוּן אִירֶעט וֶועגְן, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

הָאט דֶער 'קֵיסָר' גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר קֶען קַיין [אַנְדֶערֶע] 'שִׁידוּךְ' נִישְׁט טָאן, מֵחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם 'בֶּערְגֶער' – בִּפְרַט [אַז] זַיין 'וַוייבּ' הַאלְט מִיט אִים זֵייעֶר"!

דְרוּם [דֶערִיבֶּער] הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן 'מַחֲשָׁבוֹת' אוֹיף דֶעם 'בֶּערְגֶער'!

אוּן אִין דֶער תְּחִילָה [אִין אָנְהֵייבּ] הָאט עֶר גֶעזֶעהְן, אִים בְּדַלוּת צוּ שְׁטֶעלְן [אַוֶועקְצוּשְׁטֶעלְן זַיין גֶעלְט, עֶר זָאל וֶוערְן אָרִים] – אוּן עֶר הָאט גֶעטָאן 'תַּחְבּוּלוֹת' [מִיטְלְען], גְלַייךְ אַז וִוי [כְּאִילוּ] סְ'אִיז נִישְׁט פוּן אִים – אוּן הָאט אַלְץ גֶעזֶעהְן אִים גוֹרֵם צוּ זַיין 'הֶיזֵיקוֹת' [שָׁאדְנְס]! – אוּן אַ 'קֵיסָר' קֶען דָאס בְּוַודַאי טָאן.

הָאט מֶען אִים אַלֶעמָאל שָׁאדְן גֶעטָאן – אוּן מְ'הָאט אִים אַלְץ 'אִיזְבּוֹיט גֶעלְט' [צוּגֶענוּמֶען גֶעלְט –] בִּיז עֶר אִיז בְּדַלוּת גֶעוָוארְן, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן גָאר אַ 'אָרִימַאן'! אוּן זִי דִי 'קֵיסָר'טֶע' – הָאט אַלְץ מִיט דֶעם 'בֶּערְגֶער' גֶעהַאלְטְן!

נָאכְדֶעם הָאט דֶער 'קֵיסָר' גֶעזֶעהְן: "אַז כָּל־זְמַן דֶער 'זוּהְן' לֶעבְּט (דְהַיְינוּ: דֶעם 'בֶּערְגֶער'ס זוּהְן') – קֶען עֶר קַיין אַנְדֶערֶען 'שִׁידוּךְ' נִישְׁט טָאן".

הָאט דֶער 'קֵיסָר' זִיךְ מִשְׁתַּדֵּל גֶעוֶוען: "דֶעם 'בָּחוּר' מַעֲבִיר [צוּ] זַיין [אַוֶועקְנֶעמֶען] פוּן 'דֶער וֶועלְט'" – אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט מַחֲשָׁבוֹת: "אִים מַעֲבִיר צוּ זַיין" – אוּן עֶר הָאט אוֹיף אִים אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט 'בִּלְבּוּלִים' – אוּן הָאט אוֹיף אִים גֶעזֶעצְט 'שׁוֹפְטִים': "זֵיי זָאלְן אִים מִשְׁפְּטְ'ן".

אוּן דִי 'שׁוֹפְטִים' הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז דֶעם 'קֵיסָר'ס' רָצוֹן אִיז, אַז מְ'זָאל אִים מַעֲבִיר־מִן־הָעוֹלָם זַיין"! הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעגֶעבְּן [גֶעפַּסְקְ'נְט] דֶעם 'מִשְׁפָּט': "אַז מְ'זָאל אִים אַרֵיינְלֵייגְן אִין אַ 'זַאק' (דְהַיְינוּ: דֶעם 'בָּחוּר', דֶער 'זוּהְן' פוּן דֶעם 'בֶּערְגֶער') – אוּן מְ'זָאל אִים אַרֵיינְוַוארְפְן אִין 'יַם' אַרֵיין"!

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן ארימאן (3)

**א. ווען דער בערגיר האט געבעטען די ווייב פונעם ארימאן זיך צו משדך זיין, וואס האט זי געענטפערט?**
- ❑ אויב איר ווילט בין איך זיכער גרייט
- ❑ יא
- ❑ ניין

**ב. וואס האט מען צום ערשט געמאכט דעם ארימאן?**
- ❑ פאר א פראפירטשיק
- ❑ פאר א יעדניראל
- ❑ פאר א שר

**ג. וואס איז דער ארימאן געווארן צום סוף?**
- ❑ א יעדניראל
- ❑ א קיסר איבער די גאנצע וועלט
- ❑ א קיסר

**ד. וואס האבן די קעניגן געגעבן פאר'ן קיסר?**
- ❑ אסאך טייערע מתנות
- ❑ א גאלדענע קרוין מיט דימאנטן
- ❑ א כתב מיט גילדענע אותיות

**ה. פארוואס האט דער ארימאן זיך נישט געוואלט זיך משדך זיין מיט'ן בערגיר?**
- ❑ ווייל עס פאסט נישט אז א יעדניראל זאל זיך משדך זיין מיט א בערגיר
- ❑ ווייל עס פאסט נישט אז א קיסר זאל זיך משדך זיין מיט א בערגיר
- ❑ ווייל די ווייב פון ארימאן האט נישט געוואלט זיך משדך זיין

**ו. וואס האט דער קיסר געטראכט צו טאן מיט'ן זון פונעם בערגיר?**
- ❑ אים צו מאכן ארים
- ❑ אים מעביר זיין פון די וועלט
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער געטראכט

**מיט וואספארא נישט גוטע מידה האט זיך דער ארימאן געפירט צום בערגער ?**

**וועלכע דרגות האט מען ארויף גענומען דער ארימאן כדי די שרים זאלן קענען זיך משדך זיין מיט אים ?**

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

**וועלכע מעשה נאך פון סיפורי מעשיות ווערט דערמאנט אז איינער האט געוועקט דעם אנדערן ?**

**ביי מעשה א',** און הָאט אִים זֵייעֶר גִיוֶועקְט. עֶר הָאט זִיךְ אָבֶער נִיט גִיקֶענְט דֶער וֶועקִין,

**ביי מעשה ז',** הָאבִן זֵיי גִיקְלַאפְּט אַרוּם אִים. כְּדֵי זֵיי זָאלִין אִים אוֹיף וֶועקִין. אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גִיהֶערְט.

צו ענטפערן די בחינות און ארייגגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040

# דוּ שְׁפִּילְסְט נִישְׁט מִיט!

דֶער נֶעבֶּעכְדִיגֶער אָרִימַאן, הָאט זִיךְ שׁוֹין וַוייטֶער גֶעקֶענְט פְרֵייעֶן, צוּלִיבּ דִי מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן דֶעם בֶּערְגֶער וָואס הָאט אַלֶעס אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן אוּן הָאט אַהֵיימְגֶעקֶערְט זַיין וַוייבּ. דֶער אָרִימַאן הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁטַארְק צוּ שְׁטֵייגְן, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן בַּאקַאנְט אִיבֶּערְן וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעשְׁטִיגְן אַלֶע שָׂרִים אוּן אוֹיפְזֶעהֶער. דֶער בֶּערְגֶער הָאט גֶעוָואלְט חֲתוּנָה מַאכְן זַיין זוּן מִיטְן טָאכְטֶער פוּנֶעם אָרִימַאן, אוּן דֶער אָרִימַאן'ס וַוייבּ הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט אַזוֹי טוּן.

דָא הָאט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע רִשְׁעוּת אוּן כְּפִיּוּת טוֹבָה, וָואס הָאט נִישְׁט זַיינְס גְלֵייכְן: דֶער אָרִימַאן - וָואס אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג זַיין גַאנְצֶע לֶעבְן אוּן מִשְׁפָּחָה פַארְן בֶּערְגֶער - הָאט אַנְשְׁטָאט צוּ אִים בַּאצָאלְן וִוי עֶס קוּמְט אִים, הָאט זַיין גַּאֲוָה אוּן כָּבוֹד אִים גֶעפִירְט צוּ נְקָמָה נֶעמֶען אִין אִים, אוּן אִים בַּאצָאלְן מִיט בֵּייזְנְס. מִיט גְרוֹיס אַכְזָרִיּוּת, הָאט עֶר אַרָאפְּגֶענִידֶערְט דֶעם בֶּערְגֶער פוּן זַיין עֲשִׁירוּת. אוּן עֶר אִיז צוּבִּיסְלֶעךְ גֶעפַאלְן מַדְרֵיגָה נָאךְ מַדְרֵיגָה, בִּיז עֶר הָאט גֶעוָואלְט הַרְגֶ'נֶען דֶעם זוּן פוּנֶעם בֶּערְגֶער!!!

עֶס אִיז מֶערְקְוִוירְדִיג אָנְצוּצֵייכֶענֶען, אַז דֶער הֵיילִיגֶער תָּם הָאט - טְרָאץ זַיין גְרוֹיסְקַייט - גֶעבְּלִיבְּן מִיט זַיין תְּמִימוּת, אָבֶער דֶער אָרִימַאן, וֶוען עֶר אִיז גְרוֹיס גֶעוָוארְן, הָאט אִים עֶס גֶעבְּרֶענְגְט צוּ פּוּנְקְט דָאס פַארְקֶערְטֶע...

מִיר גֵייעֶן גֵיין זֶען וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁען מִיט פִּישְׁל אוּן יִשְׂרָאֵלִ'יק נָאךְ אָבוֹת וּבָנִים.

יֶעדֶע וָואךְ צְוִוישְׁן מַעֲרִיב מוֹצָאֵי שַׁבָּת אוּן אָבוֹת וּבָנִים, אִיז דָא אַ הַפְסָקָה פַאר צְוָואנְצִיג מִינוּט. טֵייל פוּן דִי עֶלְטֶערְן גֵייעֶן אַהֵיים אוּן מַאכְן




הַבְדָּלָה, אוּן דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן שׁוֹין גֶעהֶערְט הַבְדָּלָה אִין שׁוּל, בְּלַייבְּן אִיבֶּער אִין שׁוּל אוּן שְׁפִּילְן זִיךְ אַרוּם בִּיז וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען.

דִי קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ גֶעהַאט צוּ לֵייגְן צְוֵויי שְׁטֶעקֶענֶעס, אוּן לוֹיפְן פוּן וַוייט, אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן שְׁטֶעקְן בִּיזְן צְוֵוייטְן שְׁטֶעקְן. מֹשִׁי אִיז גֶעוֶוען אַחֲרַאי צוּ פַארְגְרֶעסֶערְן דִי שְׁטֶעקֶענֶעס, דוּרְכְן טַאנְצְן יֶעדֶעס מָאל נָאךְ וַוייטֶער. נָאךְ אִים זֶענֶען גֶעלָאפְן שְׁמוּאֵלִ'יק, יִשְׂרָאֵלִ'יק, דָוִדְ'ל, וָואלְוִוי, חַיִּים, אוּן בֶּערֶעלֶע.

אִין וִוינְקְל אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פִּישְׁל, אִינְגַאנְצְן פַארְשֶׁעמְט אוּן כִּמְעַט גֶעוֵויינְט. קַיין אֵיין יוּנְגְל הָאט אִים נִישְׁט אָנְגֶעקוּקְט, וַוייל פוּן נַאטוּר אִיז עֶר אַ שְׁטִילֶער אוּן עֶר רֶעדְט כִּמְעַט נִישְׁט הוֹיךְ. אוֹיךְ הָאט מֶען אֱמֶת'דִיג גֶעמֵיינְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט שְׁפִּילְן. אִין הַארְצְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעבֶּעטְן צוּ מִיטְשְׁפִּילְן, אָבֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאזַייטִיגְט דוּרְךְ דִי חֲבֵרִים. "עֶר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט" הָאט אֵיינֶער אַרַיינְגֶעזָאגְט פַארְן צְוֵוייטְן אִין אוֹיעֶר... "עֶר אִיז סְתָּם עֶפֶּעס אַזַא נֶעבֶּעכְדִיגֶער אִינְגְל"...

אֵיין מָאל הָאט יִשְׂרָאֵלִ'יק זֵייעֶר רַחֲמָנוּת בַּאקוּמֶען אוֹיף דֶעם וָואס מֶען דֶערְוַוייטֶערְט אִים, אוּן עֶר הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַ סוֹף דֶערְצוּ. "אִיךְ

המשך אויף זייט 2